בס"ד

# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

בה"ב
תשפ"א לפ"ק
גליון קס"ו

## פראגע

**איז האט פריער געזאגט אז די שכר אויף דער וועלט, און די גוטע זאכן וואס פאסירן צו ערליכע מענטשן זענען בלויז געצילט אלס התחזקות זיי צו ערמוטיגן פאָרצוזעצן אויף זייער וועג. צי מיינט דאס אויב אזוי אז שלעכטע זאכן וואס פאסירן צו ערליכע מענטשן דארפן באטראכט ווערן ווי אן אַנטמוטיגונג?**

## ענטפער:

יא; אבער די אנטמוטיגונג וואס פאסירט צו ערליכע מענטשן זענען באמת אן אופן פון שכר פאר אים, ווייל דאס גיבט אים **א געלעגנהייט ארויסצואווייזן זיין אהבה צו הקדוש ברוך הוא.**

עס איז אזוי ווי א גענעראל וואס וויל זען ווער פון זיינע סאלדאטן איז אמת'דיג געטריי צום לאנד; קוקט ער אין צענטער פונעם שלאכטפעלד ווער עס זענען די סאלדאטן וואס שלאגן זיך מיט זייער גאנצע שטארקייט אינמיטן די גרעסטע שוועריקייטן, און ער ווייסט אז זיי זענען זיינע אויסגעוועלטע. די וועלכע זיצן אנגעלאדנט אין די הויפטקווארטירן אויף די טייפרייטערס, ווערט גארנישט איבערצייגט וועגן זיי.

דער אויבערשטער נעמט זיינע ערליכע מענטשן וועמען ער האט שוין אויספראבירט פון פריער מיט קלענערע נסיונות, און ער גיבט זיי יעצט גרעסערע נסיונות אלס א שכר. און יעצט קען ער זיי געבן גרעסערע אויסצייכענונגען פאר זייער סוקסעס.

וועגן דעם שטייט "ויהי אחר הדברים האלה" – און ס'איז געווען נאכדעם וואס אברהם אבינו איז בייגעשטאנען דעם פריערדיגן נסיון, "והאלקים ניסה את אברהם" – דעמאלטס האט דער אויבערשטער אים אויספראבירט מיט זייער א גרויסער נסיון. און במילא איז דער שוועריקייט, די אנטמוטיגונג וואס דער אויבערשטער שיקט אויפ'ן וועג, איז אייגנטליך א שכר ווייל עס איז א געלעגנהייט ארויסצואווייזן די געטריישאפט צו אים.

## פראגע

**זענען יסורים וואס א מענטש ליידט ר"ל בעצם א כפרה, אדער ער דארף טראכטן וועגן א ספעציפישע עבירה וואס ער האט געטון אויף וואס ער ווערט באשטראפט כדי צו באקומען די בענעפיט פון יסורים?**

## ענטפער:

דער ענטפער איזביידע. מיר דארפן וויסן אז יסורים האבן א וויכטיגע פונקציע. ווי רש"י זאגט, מחלות זענען פאר'ן צוועק פון מכניע זיין מענטשן. רש"י דרוקט דא אויס זייער א וויכטיגער יסוד.

יסורים מאכט א מענטש פאר א **דל**. "אשרי משכיל אל דל" (תהלים, מ"א, ב) – וואויל איז דער וואס לייגט צו קאפ ארויסצוהעלפן קראנקע מענטשן. דל מיינט נישט קיין ארימער מענטש, נאר א קראנקער מענטש. דל טייטש נידריג. "ארוממך ד' כי **דליתנו**" – ער האט מיר אויפגעהויבן פון א נידריגע פלאץ. מען קען נישט זיין קיין בעל גאוה ווען מען איז חלילה קראנק. ס'איז א געוואלדיגע תועלת. אפילו אויב מען האט נישט משנה געווען די מעשים, בלויז די ענוה וואס די קרענק ברענגט, מאכט דעם מענטש נידריג, און דאס אליינס איז שוין אן ערהייכונג; ס'איז זייער א גרויסע ערהייכונג צו פארלירן די גאוה, אפילו פאר אביסל. קראנקע מענטשן זענען נישט קיין בעלי גאוה.

פון דעסט וועגן, עס קען ווערן אויסגענוצט ביזן סוף. ווען א מענטש נוצט אויס א קרענק אלס א רמז פון הימל צו פארבעסערן זיינע מעשים, און ער פארשטייט אז ס'איז א מעסעדזש אז דער אויבערשטער איז נישט צופרידן, און ער פארבעסערט זיך, האט ער

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

זיכער איסגענוצט די יסורים אין פיל א בעסערע וועג.

עס איז אבער דא נאך מער א בעסערע אופן: "שמחים ביסורים", די וועלכע פרייען זיך מיט זייערע יסורים. זיי זאגן, "יישר כח באשעפער." דאס איז נישט גרינג צו זאגן; אבער מיר זאלן עכ"פ פרובירן עס ארויסצוזאגן מיט'ן מויל און אפשר איין טאג וועלן מיר עס שפירן.

איז מיר האבן דא דריי מדריגות פון קבלת יסורים:

איין מדריגה איז ווען א מענטש ליידט יסורים ווי אן אקס – ער טראכט בכלל גארנישט, אבער למעשה ליידט ער. א קראנקע אקס איז נישט אינטערעסירט אין קיין שטיקעס און צו שטויסן מענטשן. ער האט זיך זיינע אייגענע פראבלעמען מיט וואס צו זיין פארנומען. דאס איז א גרויסע זאך.

די צווייטע מדריגה איז, אויב ער איז **מפשפש במעשיו**. "אם רואה אדם שיסורים באים עליו יפשפש במעשיו" – אויב א מענטש זעט אז יסורים קומען ל"ע אויף אים, זאל ער ארייננקוקן אין זיינע מעשים. ער פארשט זיינע אויפפירונגען און ער ווערט בעסער.

און די דריטע מדריגה איז **שמחים ביסורים** (שבת פ"ח ע"ב). דאנק השי"ת פאר די יסורים. אויב א מענטש קען דאס טון, זאל ער וויסן אז ער איז אנגעקומען צו די שפיץ פון הצלחה מיט יסורים!

## פראגע

### איך בין געגאנגען אין גאס און שיער אראפגעהאקט געווארן דורך א קאר ה"י, וואס זאל איך טון צו דאנקען ריכטיג השי"ת?

## ענטפער:

"איש כמתנת ידו" – יעדער מענטש לויט זיינע מעגליכקייטן. איין זאך אבער וואס איר קענט זיכער טון איז, אז פאר זייער א לאנגע צייט, ווען איר זאגט "מודים אנחנו לך", בייגט אייך נישט סתם אראפ פאר גארנישט, ס'איז א שאד צו פארפאטשקענען די געלעגנהייט. זיך אראפבייגן ביי מודים איז זייער א וויכטיגע פעולה, און עס נישט אויסצונוצן איז א רחמנות. עס שטייט אין די תורה, ווען מ'האט געברענגט ביכורים "והשתחוית"; זיך אראפבייגן איז א תכלית פאר זיך אליינס. עס איז עבודת ה'. איר דארפט טראכטן אז איר טוט עס פאר א צוועק, און דער צוועק איז **הכרת הטוב**. "מודים!" מיר דאנקען דיר.

ווען א מענטש איז אנטלאפן פון ווערן אראפגעקלאפט פון א קאר, ווי לאנג ער קען זאל ער יעדע מאל ער בייגט זיך אראפ ביי מודים טראכטן וואס עס וואלט ווען ח"ו געקענט געשען, און דאנקען דעם איבערשטן.

יעצט, דאס זאל נישט באטראכט ווערן ווי לפנים משורת הדין, נאר פאר גרויסע צדיקים. נאך אלעם, וואס זאגט מען דען אין די ווערטער?! דאס מיינט – מודים אנחנו לך! אויף וואס דאנקט מען?

און דערפאר, זאלט איר זיך צוגרייטן פון פאראויס, זייט גרייט אז ווען איר קומט צו מודים זאלט איר געדענקען "מודים אנחנו לך!"

איר זענט געגאנגען צום דאקטאר און איר זענט געווען באזארגט, און דער דאקטאר האט געזאגט "אנטשולדיגט, אבער עס פעלט דיר גארנישט." ווען איר גייט ארויס, פארגעס נישט דערפון און פארטיג. דער אויבערשטער זאגט "אל תשכחינו!" פארגעס מיך נישט. און דערפאר זאל אונזער רעאקציע זיין: "רבוש"ע, איך וועל דיר געדענקען!"

**השם אלקי לעולם אודך!** איך וועל דיר אייביג געדענקען! אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט ווען ער איז געווארן אויסגעהיילט פון זיין קרענק, "למען יזמרך כבוד" – איך וועל זינגען וועגן דיין כבוד. "לעולם אודך" – איך וועל דיר אייביג לויבן.

דערפאר איז דאס די ערשטע זאך און גרינגסטע זאך צו טון. אויב איר קענט טון מער פון דעם, אדרבה, איש כמתנת ידו.

## פראגע

### וואס איז דער תכלית פון היץ און יומידעטי אין די זומער?

## ענטפער:

ס'איז א גוטע פראגע, און איך וועל עס ענטפערן דורך א משל. דא איז א מענטש וואס קומט אהיים. ער גייט אריין אין קאך, און ער זאגט פאר זיין ווייב, "וואס? אין אזא הייסע וועטער קאכסטו? ס'איז הייס דא." זאגט זי, "מיין טייערער מאן. איך גיי עס שוין אויסלעשן." און זי לעשט עס אויס.

ווען ער קומט צוריק שפעטער פרעגט ער, "איז די נאכטמאל גרייט?" און זי זאגט "ניין".

און במילא, סוף זומער ליגן אלע רייפע עפל אויף די שטענדערס אין געשעפט. וויאזוי זענען די עפל געווארן רויט און זאפטיג און זיס? נאר ווייל דער אויבערשטער האט אנגעצינדן די היץ. זומער איז די קאך וואס מאכט רייף די מחיה'דיגע פרוכט פון וואס מיר גייען הנאה האבן גאנץ ווינטער. גייען מיר זיך דען אפרעדן אויף די גוטע זאכן וואס ערווארטן אונז?

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.

SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב